דעם 26טן יולי, 1948

ר. גערבער און נ. בלומענטאל
אידישער היסטארישער אינסטיטוט
טלאמאקיע 5
ווארשע, פוילן

טייערע פריינט גערבער און בלומענטאל:

אייער בריוו פון דעם 7טן יוני צוזאמען מיט די פאטא-גראפיעס, פאטאקאפיעס, דעם קאמפלעט געטא-געלט פון לאדזש און די האנט-בענדער מיט מגן-דוד אלץ באקומען. מיר גרייטן זיך צו מאכן אן אויסשטעלונג אין דעם חודש סעפטעמבער אדער אקטאבער. מיר וועלן צוגרייטן די אויסשטעלונג ווי עס פאסט פאר דעם היסטארישן אינסטיטוט און פאר אונדזער ארדן. ארום דער אויסשטעלונג וועלן מיר זען צו פאפולאריזירן דעם היסטא-רישן אינסטיטוט. איך וועל אליין שרייבן א ספעציעלן ארטיקל וועגן דער מערקווירדיקער ארבעט אייערער. אפשר וועט דאס העלפן ארגאניזירן א מיניאטור מוזיי וואס וועט באקענען דער ברייטער אידישער עפנטלעכקייט אין די פאראייניקטע שטאטן מיט די פארברעכנס פון דעם פאשיזם און מיטן העלדישן ווידערשטאנד פון די אידן.

דערווארטנדיק אייערע אנדערע טיילן וועגן וועלכן מיר האבן געשמועסט ווען איך בין געווען ביי אייך, פארבלייב איך,

מיט חברשן גרוס,

ר. זאלצמאן
גענעראל-סעקרעטאר

רז:רה
יאפווא-16

נ.ב. הארציקע גרוסן צו דער גאנצער פירערשאפט פון דעם אינ-סטיטוט און אלע מיטארבעטער. ר.ז.